STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09516

LIDER

David Feffer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין אָנדענק
מיין גוירטרוד

דוד פּעפּער

לידער

צווייטער בוך

פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי

1947

געדרוקט בּיי
מאָררים ס. גראָססמאַן
16 וועסט בּראָדוויי
פּעטערסאָן, נ. דזש.

NO LONGER PROPERTY OF DPL
PUBLIC LIBRARY OF THE CITY OF DENVER

E754202

Copyright 1947
by David Feffer
Paterson, N. J.

א

די צייט
האָט אַריבערגעמישט
אַ שוואַרץ בלעטל
און עס איינגעבונדן
אין מיין האַרצן.

ב

גרעזל גרינס
אויפן בערגל
פון מיין בת־יחידה —
איך עמפאנג דיך,
ווי דעם שפראץ
פון איר יונגקייט
און דער אנדענק
פון איר לעבן.

ג

כ'זע זיך
אַ ווערעמל אַ קליינס
אין אַן ענדלאָז
מיסטעריעזע וועלט,
קריכנדיק
צו אַן אומשטערבלאַכן
ספערן-גייסט.

ד

וועלט — פענצטער פאַרן געדאַנק;
צעבלאַנק
די מחשבה מיינע,
ווי אַ שויב
אין דיין ראַם.
זאָל דער פלאַם
פון מיין זין
זיין אַנטבלויזט,
ווי אַ קינד
אין געבורט.

ה

כ׳בין, ווי אַן אויסגעטרוקנטע ברונע
און לעכץ נאָך אַ וואָרט,
ווי אַ דאָרשטיקער
אין מדבר נאָך אַ טרונק.
אָ, ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט
אין אַ שטראָם פאַרוואַנדלען זיך
און שפרודלען מיט רייד,
ווי אַ קוואַל מיט לויטערקייטן.

ז

אַ האַרבסט-געריך
פֿאַלט אויף מיין לעבן
און באַהעפֿט עס מיט אַ גרוס
פֿון מיין פֿאַרשטאָרבן קינד.

ז

ס'קומט מיין קינד
צו די ברעגן פון אויפגאַנג
און באַווייזט זיך פאַר מיר,
ווי אַ ליכטיקער פרימאָרגן.

ח

נעמט מיך אַרום
און מיר דאַכט זיך,
אַז פרייד און בענטשונג
פון מאַמע-הענט
ציטערן אַרום מיר.

ט

ווי אַ לויטערער קוואַל
לויכסטו אויף פאַר מיר
און שפּיגלסט אָפּ דיין ליבשאַפט
אויף דעם צאַרטן פּנים דיינעם.
ביסט מיט פּשטות באַזעלט
וואָס שווייגט,
ווי אַ זויגנדיק קינד
באַ דער מאַמעס ברוסט.

י

דיינע רייד
בּלענדן פאַר מיר,
ווי טוי־טראָפּנס
אין דער זון.

יא

העגגסט אויף מיר,
ווי אַ קינד אויף די פּלייצעס
מיט אַ פרייד,
גרויס ווי די וועלט
און לאַשטשעט,
ווי אַ צאַרטע מאַמע-האַנט.

יב

פֿאַרשעמט שטייט דער טויט
אַנטקעגן שוואַרצן ראַם,
וואו דיין געשטאַלט
איז איינגעפּאַסט.
ער בלענדט
אַ צייט אַ פֿאַרגאַנגענע
און פֿאַלט אויף מיר,
ווי אַ ליכטיקער שטראַל.

יג

ווי שטויב ליגט מיין לעבן
פאַר די הוילע,
שטילע טריט דיינע
און פאַר דיין בענקשאַפט,
וואָס וואַנדערט אויף וועגן
און פאַלט אַזוי זאַכט,
ווי די שטילע טריט דיינע
אויף מיין לעבן.

יד

מיין אומרו
איז ווי דער ים
גרויס און טיף
און הפקר'דיק,
ווי די שטורעמס זיינע.

טו

דער ציטער פון מיין האַרץ
איז ווי ס'פלאַטערן
פון אַ פאַרשפּאַרטן פויגל,
וואָס בלוט טריפט
פון די פליגלען זיינע.

טז

אַ ווינטל אַ ווייכס
ווייעט אויף מיר,
ווי ס'וואָלט די שפּורן
פון אַ שווערער נאַכט
וועלן אַראָפּיאָגן
און באַאָטעמען מיך
מיטן פרימאָרגן-הויך.

יז

נאָך פלאַטערן
די פליגלען דיינע,
פליגל-קינד מיינס –
אָפּשפּיגלער
פון מיין הימל
און זון.

יח

ס'שטראַלט די זון
און מיר דאַכט זיך,
אַז דו ביסט עס מיין קינד.
עס גלויבט זיך נישט,
אַז די ליכטיקייט דיינע
זאָל נישט זיין נעבן מיר.

יט

יעדע רגע דיינע
איז אַ פלאַטערל געווען,
יעדע שעה אַ פליגל.
און ס'לעבן דיינס
אַ גאָלדענער פויגל,
איבער וועלטן ליכטיקע
איז געפלויגן.

כ

די בלומען מיינע,
זיי וועלקן.
נישטאָ ס'בלומען-מיידל,
וואָס האָט זיי געצערטלט.
און זיי,
ווי גאָלדענע קוויטן
האָבן איר לעבן באַצירט.

כא

ווי דער בראַנד
פֿון שקיעה־פֿלאַמען
אויסגעלאָשן האָט זיך
מיין ליכטיקער טרוים.

כב

זאָלן ליכטיקן
מײַנע לעצטע רגע'ם
אַנטקעגן דעם שליח, דעם טויט.
וואָס וועט קומען
נאָך מײַן צאַנקנדיק לעבן
פֿון יאָרן ווי בראַנדן געברענט.

כג

גאָט,
זאָל איך שבחים דיר זינגען
ווען ס'טייערסטע
כ'האָב פאַרלוירן?
וואָס קאָנען דיינע הימלען
און וועלטן מיר געבן
ווען זיי זענען איבעריק מיר,
ווי מיין לעבן?

כד

וואו זאָל איך זוכן די פרייד,
אין קבר
פון מיין פאַרשטאָרבן קינד?
צי בא דער וועלט,
וואָס איז איבעריק מיר?
צי גאָר באַם טרויער,
וואָס טאָג און נאַכט
באַווײנט ער
יעדע ניי־געבוירענע רגע מיינע?

אין אָנדענק
מיין אײדען

א

כ'האָב געמיינט,
אַז פול איז מיין טרויער —
ביזן גרונט,
כ'טרינק זיין סם.
האָט דיין טויט
אַ נייעם געבוירן
און פון ראַנד
כ'הויב ערשט אָן.

ב

אויף דיין בערגל
וויגט זיך ס'גרעזל
און מיר דאַכט זיך,
אַז נישט דער ווינט —
נאָר דיין צאַרטע האַנט
לוליעט ווי אַ קינד
עס איין.

ג.

דיין טויט
האָט ווי אַ קנויט
אָנגעצונדן מיין לעבן,
אַז ס'זאָל ברענען,
פלאַמען
און ווי אַ פאַררויכערט גלעזל
עס געלאָזן אַליין.

ד

איז מיר איבעריק די וועלט,
ווי די ריסן פון מיין הארצן.
ווי די טויטע האָפענונגען,
וואָס קאָנען נישט פאַרלאַטן.
און ווי די וואונדן די אָפענע
אויף מיין לעבן.

ה

לעבן —
צאַנקנדיק פּלעמל מיינס,
פאַרלעש זיך
און מיט דיין שוואַרצקייט
דעק מיך צו.

ו

אין פינצטערע רגע׳ס
האָסטו זיך באַוויזן
און ס׳איז ליכטיק געוואָרן.
וואו ביסטו איצט?
ווען ס׳איז לאַנג שוין פינצטער
און ווי אַ קינד אַ מאַמען
רופט מיין וויינענדיק קול דיך,
אַז דו זאָלסט קומען
און ס׳זאָל ליכטיק ווערן.

ז

די שעה'ן מיינע
האָבן אין דערנער זיך פאַרוואַנדלט.
שטעכן זיי
ביז דער ווייטיק מיינער צאַפּלט
און ס'ברענט אַ וואונד
אויף די שפּיצן זייערע.

ח

אַ שער
שערט אָפּ מיינע טעג,
פֿאַלן זיי
אין אָפּגרונט אַריין.
און די אָפּגעשוירענע צייטן מיינע,
ווי וויינענדיקע קינדער
ציען מיך צו זיי.

ט

קאָן מען כמאַרעם
אַראָפּרייסן פון טאָג
ווען פאַרהילט איז די וועלט
אין אַ נעפּל?
ווי קאָן איך דעם טויט
אָפּטיילן פון מיר
ווען אויסגעלאָשן
ס'איז דיין לעבן?

י

דיין טויט
האָט פון לעבן מיך אָפּגעטיילט
און אוועקגעטראָגן
צו דיר אין גרוב.
ליג איך,
ווי דו אַ געשטאָרבענער
און ס׳לעבן מיינס,
ווי אַ געשפּענסט
שלייכט אום אויף דער וועלט.

יא

ווי שטיינער פון א בארג
קאָלערן זיך די יאָרן מיינע,
הין און הער
נישט וויסנדיק
וואו זיך אָפּצושטעלן —
ווי אַ קינד
אין וויסטן וואַלד
פאַרבלאָנדזשעט,
אין אַ פינצטערער נאַכט.

יב

אַ בלייכע שוועבסטו אום
אין טאָל פון טויט
און איך,
ווי אַ באַצויבערט פלאַטערל
פלאַטער אַרום דיר.

יג

מיט מיר דער טרויער —
דער שוואַרצער שומר מיינער,
וואָס היט
די רגע'ס און שעה'ן,
די ליכטיקע פערל,
וואָס דו האָסט
געשאָנקן מיר.

יד

איז מיר ליב דער טרויער —
ווייל אָן אים,
וואָס וואָלט איך געווען?
אַזוי בין איך אַן אָבל
און ער אַ וואונד
און אפשר ווי איך
אַן אומגליקלאַך קינד?

טו

בּיסט אַ שפּראָץ
אין בּליאונג געווען,
אויך אַ פלאַנץ
אין פרילינג.
דיינע ליכטיקע טעג,
אויך די טריבּע
שפּיגלען פאַר מיר,
ווי אַ לויטערער קוואַל.

טז

ווי קוואַל־טראָפּנס
געקלאָרט האָבן דיינע רייד
און ווי אַ שעפּ האָט מיין האַרץ
זיי אַריינגענומען אין זיך
באַלויכטן מיך,
ווי אַ יונג־באַטויט ביימל
פון דער זון.

יז

יעדע רגע דיינע
איז אַ שטראַל,
טאָג און נאַכט
לויכט ער פֿאַר מיר.
ווי ס׳לעבן דיינס
וואָלט אַ וואונדער געשפּונען,
אין מיין יעדער שעה
אָפּצעשפּיגלען דיך.

יח

אין טיפן שווייגן מיינעם
דערהער איך אַ שטים,
אַן עכאָ
פון דיין לאַשטשנדיק קול.

יט

קומסט
טוסט ס'אָבל־קלייד מיר אוים,
אַז איבער מיר
זאָל אויפשיינען די זון,
אויפגיין דער פרילינג
און ווי אַ בלום
צעבליען מיך.

כ

געוואַלט אויסרייסן אַ בלום אַ שיינע,
מיטנעמען אַ דערמאָנונג
אין מיינע שפּעטע טעג.
האָבן בלומען,
וואָס אויסגעריסן ס'האָט דער טויט
אין זייער שענסטן בלי.
געמאַכט ציטערן מיין האַנט
און געלאָזן די בלום
אין פרילינגדיקן פעלד.

כא

אַ שטראַל
שפּיגלט לויכטונגען
פון דער הויך,
פון דער טיף,
אויף דיך
און ס׳גאַנצע ליכט זיינס
אויף דיין געשטאַלט.

כב

אָן די זון
קאָן איך מיך נישט אָנכאַפּן,
זי בלענדט מיט ליכטער.
אויף אַ וואָלקן
קאָן איך נישט רייטן,
ער באַדעקט מיט שאָטנס.
וואַרט איך,
שפּרייט אַ ליכט אַ געלם
זיך אויס
און כ׳דערזע —
אויף אַ שפּיץ אַ הויכן
מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט,
ווי אַ סטאַטוע מיך שטיין.

קוק איך אַראָפּ
און דערזע:
אין אַ תהום אַ טיפֿן
מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט,
ווי אַ פיגור דיך שטיין
און קוקסט אַרויף.
די בליקן שטאַרן,
די הענט גרייכן נישט
און אַרום
טוט אַ טויטלאַך ליכט,
זיך לייכטן.

כג

בלוטיקט אַ שפּאַם,
ווי אַ בראַנדיקער פלעק.
ווייל איך אים אָפּווישן
צינדט זיך אַ פלאַם.
ווייל איך אים אויסלעשן
לייכט זיך אַ ליכט.
בויג איך מיין קאָפּ,
טריפט ס'לעבן אויף אים.

כד

בּאַם פֿייער בּאַם אייבּיקן
וועל איך איינשלאָפֿן.
פֿלאַמען גרויסע וועלן מיך אַרומנעמען
און מיך אין אַ פֿלאַקער איינהילן.
און דאָס פֿייער דאָס אייבּיקע
וועט מיין לעבּן מיין אויסגעבּרענטס
אויף אַשעס צעשיטן.

כה

בלייכסט פון וועלט-שפּיץ אַראָפּ.
טויבן געטובלטע
קומען צעפּליען,
פלעכטן אַ קרוין
פון דער בלייכקייט דיינער
און באַקריינען דיין קאָפּ.

כו

אַרום פראָסט און שניי
און איבער זיי
אונזער סוד.
ער שפּרייזט
אויף גלאָז-פּאַרשנייטע בערג
און די ווייסקייט אַרום
בלענדט און בלאַנקט.

כז

ווי אַ זון־אויפגאַנג
גייסטו אויף פֿאַר מיר
מיט דיין צעלויכטן געמיט
און באַשטראַלסט
מיין פינצטערע וועלט.

כח

דורכגעשטרייפט
ווערט מיין לעבן,
ווי אַ טאָג
מיט זונען־שטראַלן.

כט

ווי אַ כוואַליע אַ צעבלענדטע
לויפסטו מיר אַנטקעגן,
פּאַראַויִם די פרייד,
ווי אַ גאָלדענער שטראָם.

ל

קוואַל פון פרייד
ווער האָט פאַרשלאָסן דיך ?
און אויף דיינע ליכטיקע שטראָמען
שלעסער אָנגעהאַנגען ?

לא

אָ רגע
און דאָך אַן אייביקייט
האָט דיך אָפּגעטיילט
און ווי אַ דיקע וואַנט
זיך געשטעלט
צווישן מיר און דיר.

לב

מיין טאָג
פֿון זון און ליכט
האָט צעדריוועלט זיך.
געבליבן זענען פֿרענזלאַך,
אַן אָנדענק
אין מיין שווערער שעה.

לג

ווי קאָן איך לעבן
אין אייביקער נאַכט,
ווען טאָג קאָן נישט קומען
און מיר ברענגען אַ שטראַל?

לד

בּיסט אַן אויסגעשטערנטער הימל
אין מיין פינצטערער נאַכט געווען.
אַ שטראַלנדיקע זון
אין מיין טריבן טאָג.
געווען איז דיין וואָרט,
ווי אַ גוט קינד
און כ׳וועל זיך צירן דערמיט
ביז אין גרוב.

לה

כ׳ווין
און מיר דאַכט זיך,
אַז דו הערסט זיך צו,
באַלד וועסטו
פֿון באַהעלטעניש אַרויס
און ווי אַ קינד
איינשטילן מיך.

לו

זאַפ איין די טרערן
פינצטערע נאַכט
און זאָלן די אויגן
זיין אויסגעקלאָרט,
ווי אַ ליכטיקער פרימאָרגן.

לז

כ'קוק אויף דער נאַכט
און ווייס נישט
ווער ס'איז פינצטער
איך צו זי.
מיר דאַכט זיך,
אַז מיין געמיט
האָט אין לופטן זיך צעכמאַרעט
און אָפּגעשוואַרצט די וועלט.

לח

פאַרוואָס פיל איך אַזוי מאָדנע,
אַז ס'דאַכט זיך
די ווערטער מיינע וויינען ?
און צו וועמען וויינען זיי
ווען מיין געטרייע איז ווייט, ווייט ?

לט

כ'וויין
אויף מיין טויטער וועלט,
וואָס פֿינצטערט
ווי דיין קבר.
חושכ'ט,
ווי דער טרויער מיינער,
וואָס פֿאַרשטעלט
מיין זון.

מ

אַ גרויס געוויין
דאָך לויכט אַ טוי־טראָפּ
העלער אין שיין.
פֿאַרהויל די טרערן,
ווי דער תהום —
דיין פּיין.

מא

כ׳וויל שטיל זיין,
ווי ס׳גרעזל אויף דיין קבר —
צעוויינט זיך מיין האַרץ
און הילט
אין טרויער עס איין.

מב

פון די ווינקלען
הויכט דיין אָטעם,
ווי ס׳וואָלט דיין לעבן
זיך באַהאַלטן אין זיי.

מג

אָ, ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט
פֿאַרוואַנדלען אין אַ ליכטל.
פֿלעמלען, צאַנקען
און פֿאַרלעשן זיך.

מד

אין מזרח
האָט אויפגעשיינט אַ ליכט,
אין מערב נישט —
איז טונקל,
ווי מײַנע טעג.
וואָס ווי אַ האַנט
מעקט אָפּ די צײַט
און אָן אַ וואָרט
ווייזט זי מיר,
אַז אָן דיר
בין איך פֿינצטער.

מה

ווי אַ שוואַרצע דעק
פאַרהילט דער טרויער מיך.
און ס׳לעבן מיינס,
ווי פון אַ פאַרהאַקטע ברונע
שרייט און רופט.

מו

ס'נעמט טאָגן
און אַ קלאָרקייט שטראָמט,
ווי ס'וואָלטן פון אויגן
טויען געפלאָסן
און גע'טובל'ט די וועלט.

מז

ווי טאַצן צוויי
האַלט איך הימל און ערד
אין מײנע הענט
צו דיר געווענדט
און כ'קלאַפּ, קלאַפּ,
וואָס אַמאָל שטאַרקער, שטאַרקער
ביז כ'צעשטורעם זיך
אין ריטים פון די קלעפּ,
וואָס בריען און פלאַטערן,
ווי איך
און מײנע הענט
צו דיר געווענדט
האַלטנדיק הימל און ערד,
ווי טאַצן צוויי.

מח

פון אונטער מיינע טריט
שפּרינגען דיינע שטראַלן,
ווי זיי וואָלטן זייער ליכטיקייט
אויסגעטאַנצט פאַר מיר.
האָב איך זיי ליב
די שטראַלן דיינע,
וואָס שפּיגלען דיך אָפּ
און באַהעפטן מיך
מיט דער לויטערקייט דיינער.

מט

נישט כ'האָב דיך פאַרלוירן,
נישט כ'בין אַליין.
כ'בין תמיד מיט דיר
און דער אָטעם דיינער,
ווי אַ פרילינג דערפרישט.
באַרוישט,
ווי גוטער וויין.

נ

װען דו האָסט זיך באַװיזן,
איז װי ס'גליק
װאָלט פון הימל געקומען.
װי גאָט
װאָלט אַ טויב געשיקט
און אַ פרייד
צעפלאַטערט אין מיר.

נא

גוט איז מיר געווען
ווען דיין שאָטן האָט געציטערט
מיט זײַן ווייכן שיין.
און דו ווי אַ ליכטיקע טויב
האָסט געפלאַטערט
נעבן מיר.

נב

דיין ליכטיק געשטאַלט
האָט פאַר׳שיכור׳ט מיך,
פול געמאַכט מיט פרייד,
ווי אַ כוס ביז צום ראַנד.
האָט עס פאַרהוילן זיך —
בין איך פוסט ווי אַ פלאַש,
אויסגעליידיגט
פון גוטן וויין.

נג

כ'שוּוער בּאַ דער בּלום,
בּאַם צאַרטן שפּראָץ,
אַז דו בּיסט עס געווען.
און איך אַ בּין
בּאַרוּישט פון דיין זאַפט
האָב האָניק
געגעבן דער וועלט.
דאַרף זי דאַנקבּאַר זיין
נישט מיר,
נאָר דיר.
נידער איך צו דער ערד
און ווי אַ גרעזל אין ווינט
נויג איך צו דיין קבר,
צום פרישן בּערגל
פון דיין לעבן דיין יונגס.

נד

שטיל מיך איין,
ווי איינגעשטילט
ס'האָט מיין טייערע מיך.
זאָל זיך דאַכטן,
אַז זי לעבט
און ס'שוועבט
מיין ווייסע טויב,
מיט אַ בשורה אַ ליכטיקע
גובר זיין דעם טרויער.
וואָס האָט מיין הימל
און מיין שטראַלנדיקע זון
אין שוואַרצן פאַרהילט.
אָ, שטיל מיך איין,
ווי איינגעשטילט
ס'האָט מיין טייערע מיך.

נה

ווי פייגל
פליען אום דיינע יאָרן,
מיט גלעקער אויף די פליגלען
און קלינגען אין דער לופטן,
דיין פאַרגאַנגענהייט אוים.

נו

דער הימל
ווייעט מיט קעלט אויף מיר.
די ערד
פרירט מיין גוף.
און איך,
ווי אַ בלייכע לבנה
וואַנדל אום.

נז

בלייכט מיין עלנט
באַ דיין שוועל
און מיין קול מיין ציטערדיגס,
וואָס רופט צו דיר
הינטער דיין פאַרהאַקטע טיר
דרינגט ווי אַ ווינט
דיין בערגל דורך
און ווערט אַנטשוויגן ווי דו.

נח

ווער איז דער עלנט?
איז ער מיין האַרץ?
מיין פאַר'חלש'ט קינד,
וואָס זוכט
די אָרעמס דיינע?

נט

אָ, ווי כ'וואָלט געוואָלט,
אַז ווי איך
זאָל די וועלט דערהערן
דעם ציטערדיקן קלאַנג
פון מיינע געפילן,
וואָס שפּילן
אין די שטילסטע טענער
מיין אומעט-ליד.

ם

ווי צויטן
שלעפּן זיך מיינע טעג
און נעכט מיר נאָך.
איז צו וואָס טויגן זיי,
די שלעפּער אויף דער וועלט?
האָט זי געלעבט
און ווי אַ גוטע מאַמע
זיי געצערטלט —
זענען די ליכטיקע,
אויך די פינצטערע
מיר ליב געווען.
און איצט
זענען זיי איבעריק,
ווי איך
און ס'לעבן מיינס
און אויך ווי דער טרויער —
מיין קלייד.

כא

וווי אַ קישן
האָסטו דיין גוטסקייט
מיר אונטערגעלייגט,
ווייך געמאַכט מיין לעבן,
אַז נישט פילן זאָל עס
די האַרטקייט פון דער וועלט.

סב

די וועלט
האָט אָפּגעטיילט דעם עלנט,
ווי אַ רינג פון אַ קייט
און געוואָרפן אים
אויף מיין לעבן.

סג

האָסט פאַרשטומט
נאָר דער ווידערקול
פון דיין לעצט געשריי
ווערט נישט אַנטשוויגן.
טאָג און נאַכט
הער איך אים,
ווי מיט טויזנט קולות
דערמאָנען דיך.

סד

ווי דער ים
כ'בין מיט אומרו באַפליגלט.
ער מיט שטורעמס
און איך
מיט טרויער-געפילן.

סה

און קומט דער טויט
וועט ער נישט טויטן מיך
נאָר באַלעבן
מיין געגאַרטן חלום,
וואָס וועט
פון זיין שוואַרצקייט אַרויסלויכטן,
ווי אַ קינד
פון דער מאַמעס שוים.

סו

כ׳וועל מיין בענקשאַפט
אין אַ גאָלדן קעסטעלע פאַרשליסן
און עס לאָזן אויפן ים,
אַז ס׳זאָל שווימען, שווימען
ביז דו וועסט עס דערזען
און עפענען
און אַן אויסשטראַלונג פון מיין האַרץ,
וועט באַלויכטן דיך.

סז

כ׳קוק אויפן רעגנבויגן
און זע דיך,
ער שפיגלט
דיינע פאַרבן אָפּ,
אַז זען כ׳זאָל
די זיבן חנ׳ען דיינע
אין הימלישן ראַם.

כח

אַ שאָד,
וואָס די בּערגלאַך אונזערע
ווען אָפּגעטיילט זיין
און פון אונזער ליבשאַפט
ווען די זעמדלאַך
נישט אָנגעוואַרעמט ווערן.

סט

אייביק וועלן די זאָמען דיינע,
וואָס געשפּראָצט האָבן
בײַ דיין לעבן,
לויכטן מיט דער שיינקייט
פון דיין נשמה.

ע

ווי דופטנדיקע בּלומען
קלייבּ איך צענויף
דיינע טעג און נעכט
און פלעכט אַ קראַנץ
פאַר דער אייבּיקייט.

עא

ס'יאָרצייט-פֿלעמל
ציטערט, פֿלאַטערט
און שאָטנס דין־אויסגעצויגענע
שפּרינגען אויפֿן וואַנט.
און מיט זיי
מיין אָנגעצונדן האַרץ,
וואָס ברענט און גליט
פֿון בענקשאַפֿט צו דיר.

עב

דיין אָנדענק
איז ס'ליכט פון מיין לעבן:
יעדע רגע
מיט דיין נאָמען באַשטראַלט;
ס'יאָרצייט־פלעמל,
וואָס לויכט פאַר דיין נשמה
וועט אייביק שפּרינגען
קדוש פאַר דיר.

עג

ווי אַ האָגל־קייקעלע
פֿאַרפֿרוירן ווערט מיין וואָרט;
בלאַנקט.
ווי ס'וואָלט פֿון הימל
אַראָפּגעפֿאַלן.
באַהויך איך עס,
וויל מיט מיין אָטעם
אָנוואַרעמען —
נאָר ס'בלייבט קאַלט,
נישט אויפֿגעטייעט
און דער ציטער פֿון מיין וואָרט,
נישט דורכזיכטיק.

עד

פון אַ שאָטן
כ'וואָלט אַ שטראַל געוואָרן,
ווען דורכדרינגען
כ'קאָן ס'בערגל דיינס.
און מיין גוף
אונטערלייגן דיר,
אַז ער זאָל דיין קישן
און דיין ערד זיין.

R01268 54062